אים: שמעון בּן יונה, צי האָסטו מיך ליב? איז
פּעטרוס טרויעריק געוואָרן, ווייל ער האָט צו אים
געזאָגט צום דריטן מאָל: צי האָסטו מיך ליב? און
ער האָט צו אים געזאָגט: האַר, דו ווייסט אַלץ; דו
ווייסט, אַז איך האָב דיך ליב. זאָגט ישוע צו אים:
18 פּאַשע מיינע שעפעלעך. באמת, באמת זאָג איך
דיר: ווען דו בּיסט געווען יונג, האָסטו דיך אַרומ־
געגאַרטלט און בּיסט געגאַנגען, וואו דו האָסט
געוואָלט; אָבער ווען דו וועסט אַלט ווערן, וועסטו
אויסשטרעקן דיינע הענט, און אַן אַנדערער וועט
דיך אַרומגאַרטלען און פירן, וואוהין דו וועסט
19 נישט וועלן. און דאָס דאָזיקע האָט ער געזאָגט,
מרמז זייענדיק, מיט וואָס פאַר אַ טויט ער וועט
פאַרהערלעכן ג־ט. און נאָך דעם ווי ער האָט
דאָס געזאָגט, זאָגט ער צו אים: פאָלג מיר נאָך!
20 אויסדרייענדיק זיך, זעט פּעטרוס דעם תלמיד
נאָכפאָלגן, וועלכן ישוע האָט ליב געהאַט און וועלכער
האָט זיך אויך אָנגעלענט אויף ישועס בּרוסט בּיי
דער סעודה, און האָט געזאָגט: האַר, ווער איז עס,
21 וואָס פאַרראַט דיך? און ווען פּעטרוס האָט אים
דערזעען, זאָגט ער צו ישוען: האַר, און וואָס וועגן
22 דעם דאָזיקן? זאָגט ישוע צו אים: אויבּ איך וויל
ער זאָל בּלייבּן, בּיז איך קום, וואָס גייט דאָס דיך אָן?
23 דו פאָלג מיר נאָך. און דאָס דאָזיקע וואָרט איז
אַרויסגעגאַנגען צווישן די בּרידער, אַז יענער תלמיד
וועט נישט שטאַרבּן; ישוע אָבער האָט נישט געזאָגט
צו אים, אַז ער וועט נישט שטאַרבּן, נאָר: אויבּ
איך וויל, אַז ער זאָל בּלייבּן בּיז איך קום, וואָס
גייט דאָס דיך אָן?
24 דאָס איז דער תלמיד, וואָס זאָגט עדות וועגן די
דאָזיקע זאַכן, און האָט זיי געשריבּן; און מיר ווייסן,